**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/28/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון באלד 15 מיליאן דאלערדיגע בריק ערזעצונג פראיעקטן צו באהעפטן קאמיוניטיס אין דער הודסאן וואלי**

***10.9 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט ערזעצט יו-עס רוט 6 בריק אין פוטנעם קאונטי, פארשטערקערט זיכערהייט און באהאפטנקייט פאר׳ן ווילעדזש ברוסטער***

***4 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט ערזעצט סטעיט רוט 209 בריק איבער פענטין קיל אין אולסטער קאונטי, א הויפט רייזע וועג פאר׳ן ווילעדזש עלענוויל***

***בילדער פון פארענדיגטע יו-עס רוט 6 פראיעקט צו באקומען [דא](), און סטעיט רוט 209 פראיעקט [דא]()***

גאווערנער האוקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון קאנסטרוקציע אויף צוויי בריק ערזעצונג פראיעקטן וועלכע באהעפטן קאמיוניטיס אין דער הודסאן וואלי. א 10.9 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט אין דעם ווילעדזש ברוסטער אינערהאלב דעם טאון פון סאָוט-איסט אין פוטנעם קאונטי האט ערזעצט דעם יו-עס רוט 6 בריק איבער מעטראָ-נאָרט רעילראָוד׳ס הארלעם ריווער ליניע. א 4 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט אינערהאלב דעם טאון וואווארסינג אין אולסטער קאונטי האט ערזעצט דעם סטעיט רוט 209 בריק איבער דעם פענטין קיל.

״אזוי ווי מיר בויען צוריק איבער אונזער אינפראסטרוקטור, איז עס וויכטיג פאר אונז צו פריאריטיזירן און באטאנען קאמיוניטי געברויכן און באהאפטנקייט אין דער הודסאן וואלי און איבער גאנץ ניו יארק סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיר זענען אנטשלאסן צו אזעלכע סארטן טראנספארמירנדע פראיעקטן וועלכע ברענגען נאענטער צוזאמען קאמיוניטיס און הייבן זיכערהייט, צוטריט און עקאנאמישע אויפשטייג.״

״די פארענדיגונג פון די צוויי בריק ערזעצונגען וועט זיין א הויפט געווינס פאר דער הודסאן וואלי, באהעפטנדיג די קאמיוניטיס מיט אנדערע איבער׳ן גאנצן ראיאן,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״ערזעצן אונזער פארעלטערע אינפראסטרוקטור, ווי אונזערע בריקן און שאסייען, איז הויפט-וויכטיג אויף צו פארזיכערן אז אונזערע קליינע טאונס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט קענען בליען און שטייגן.״

דער יו-עס רוט 6 פראיעקט פארשטערקערט זיכערהייט און פארבעסערט רייזע אומשטענדן אויף א הויך באניצטע שאסיי וועלכס סערווירט אלס אן אריינגאנג צו ברוסטער און איר באן סטאנציע. דער נייער בריק איז געבויט געווארן 75 פיס צו דרום פון דעם עקזיסטירנדן סטרוקטור, שאפנדיג א דירעקטע שניידפונקט מיט מייקל נוינער דרייוו און ערפילן א ציל פון דעם ווילעדזש׳ס מייסטער פלאן צו פארבעסערן דאונטאון צוטריט און באזארגן בעסער באהעפטונג צו ברוסטער׳ס מערב געגנטער.

דער סטעיט רוט 209 בריק פראיעקט ערזעצט א באלד 50-יעריגע סטרוקטור מיט א נייע, 43-פיסיגע, שטאלענע גירדער אריבערשפאן מיט א פארשטערקערטע קאנקרעטע דעק וואס פארשטערקערט זיכערהייט און הייבט באוועגיקייט לענגאויס א העכסט-נייטיגע באהעפטער וועלכס באהעפט עלענוויל צו דערנעבנדע שאַפינג צענטערס ווי אויך דעם עלענוויל ראיאנישע שפיטאל. דער פראיעקט ניצט אויך שטאנדהאפטיגע אינזשינערונג פירונגען צו העלפן היטן דעם ענווייראָנמענט.

**יו-עס רוט 6 בריק אין פוטנעם קאונטי**

אלס טייל פון דעם פראיעקט, וועלכס האט זיך אנגעהויבן אין הערבסט פון 2019, איז דער עקזיסטירנדער דריי-שפאַנענדיגער בריק וואס טראגט יו-עס רוט 6 איבער'ן מעטראָ נאָרט רעילראוד ערזעצט געווארן מיט א מאדערנעם, איינציג-אריבערשפאן, שטאלענע גירדער בריק מיט א קאנקרעטע דעק וואס רעדוצירט מעינטענענס אויסגאבן. דער נייער בריק האט אויך פארשטערקערט זיכערהייט אייגנשאפטן, אריינגערעכנט ברייטערע שאָולדערס און פיסגייער אריבערגאנגען מיט באשיצנדע צוימען אויףביידע זייטן.

אלס א צוגעלייגטע מעלה און זיך צו האלטן מיט די אעסטעטיק פון דער קאמיוניטי, NYSDOT לאנדשאפט ארכיטעקטן האבן איינגעפירט א פלאן פאר נייע לענדסקעיפ פלאנצונגען, וועלכס רעכנט אריין אומגעפער 75 ביימער און 250 פלאנצונגען. אין צוגאב, היסטארישע שטיינערנע זיילן אינערהאלב דעם פראיעקט געגנט זענען געהויבן געווארן צו אקאמאדירן די נייע הייעך פון דעם דערנעבנדן שאסיי. נייע טראפיק סיגנאלן און אריבערגאנגען זענען אינסטאלירט געווארן ביי דעם שניידפונקט פון רוט 6 און מייקל נוינער דרייוו. א נייע אפלויף סיסטעם איז געבויט געווארן איבער'ן גאנצן פראיעקט, אריינגערעכנט דאס אינסטאלירן א נייע פליסונג קאנטראל סטרוקטור און א נייע שטורעם-וואסער באהאנדלונג סיסטעם צו העלפן היטן דעם ענווייראָנמענט. אונטערערדישע יוטיליטי ארבעט רעכנט אריין דאס אינסטאלירן וואסער, סוער, גאז, און קאמוניקאציע ליניעס איבער דעם נייעם בריק, ווי אויך דאס ערזעצן עקזיסטירנדע אונטערערדישע יוטיליטי באהעפטונגען נעבן דעם בריק.

טראפיק ווערט אויסגעהאלטן אויף דעם עקזיסטירנדן בריק און רוט 6 בשעת דער נייער בריק און שאסיי אויסגלייכונג זענען געבויט געווארן.

**סטעיט רוט** 209 **בריק אין אולסטער קאונטי**

קאנסטרוקציע פון דעם נייעם בריק האט זיך אנגעהויבן אין פרילינג 2020. עס פיגורירט ברייטערע סיידוואָקס פאר פיסגייער און א נייע אוועקדריי לעין אויף סטעיט רוט 209 צו בעסער אקאמאדירן טראפיק אין ריכטונג צו דערנעבנדע שניידפונקט גאסן, אריינגערעכנט אלומינום דרייוו, וואשינגטאן עווענױ און עלענרידזש פארקוועי. א קאמערע-אקטיווירטע טראפיק סיגנאל איז אויך אינסטאלירט געווארן ביי אלומינום דרייוו און אפגרעידס זענען געמאכט געווארן צו די סיגנאלן ביי וואשינגטאן עווענױ. אין צוגאב, האט איצט עלענרידזש פארקוועי אן אויסשליכער לעין אויף זיך צו דרייען לינקס צו האלטן די טראפיק אין באוועגונג.

דער גע'אפגרעיד'עטע טראפיק קאנטראל מאשינען און אוועקדריי לעינס וועלן פארבעסערן אויטא פליסונג און רעדוצירן זיך פארזוימען און לופט פארפעסטונג. אספאלט מילינגס פון דעם ארגינעלן ראודבעד זענען אויך ריסייקל'ט געווארן און ביישטייערט צו דעם ווילעדזש פאר באניץ אין צוקונפטיגע פראיעקטן. אומאינסולירטע וואסער און סוער ליניעס וועלכע האבן זיך געפונען לענגאויס דעם סיידוואָק פון דעם ארגינעלן בריק זענען ערזעצט געווארן מיט אינסולירט רערן אונטער דעם נייעם סטרוקטור צו היטן קעגן פריר-פונקט און פארבעסערן ווידערשטאנד פעאיגקייטן.

שטראָם ברעגעס נעבן דעם פענטין קיל זענען אויפגעראַכטן געוואָרן, שאַפנדיק נאַטורליכע פאַנצער פאַר׳ן בריק, און אַן איבער-שטראָם אויפהאַלט מויער איז צענומען און אַוועקגעפירט געוואָרן און ערזעצט מיט אַ נאַטורליכע שטיינערנע באַרגאַראַפּ, וואָס האָט אַ שיינקייט צו זיך און ערמעגליכט אויך גרינגערע מעינטענענס.

אין איינקלאַנג מיט ניו יאָרק׳ס ׳דרייוועריס ערשט׳ איניציאַטיוו, איז דער פּראָיעקט געאייגנט אויף צו מינימיזירן ווירקונגען אויף טראַפיק. צו פאַרגרינגערן פּיסגייער, ביציקל און מאָטאָריסטן צוטריט דורכאויס דעם פּראָיעקט איז געבויט געוואָרן אויפ׳ן-אָרט אַ צייטווייליגע בריק אויף אָנצוהאַלטן די טראַפיק פאַרעניש און אויסמיידן דער נויט פאַר זיך אַוועקדרייען צו אַן אַנדערן וועג.

**NYSDOT קאָמיסיאָנערין מערי טערעסע דאָמינגעז האָט געזאָגט,** ״גאַווערנער האָוקול פאַרשטייט אַז דער וואוילזיין פון אונזערע קאַמיוניטיס איז פאַרבינדן מיט די שטאַרקייט און פאַרלעסליכקייט פון אונזער טראַנספּאָרטאַציע אינפראַסטרוקטור. די פּראָיעקטן פאַרשטערקערן זיכערהייט און באַהאַפּטנקייט און העלפן אויסהאַלטן אומגעשטערטע רייזן לענגאויס נייטיגע קאָרידאָרן אין עלענוויל און ברוסטער. אַלס טייל פון אונזער אַנטשלאָסנקייט צו דעם ווילעדזש ברוסטער, האָבן מיר געמאַכט אַקאָמאַדאַציעס אין אויגוסט 2021 פאַר׳ן ברוסטער פייער דעפּאַרטמענט׳ס 150׳סטע יאָרטאָג פּאַראַד, דורך זיכערערהייט מאַכן צוטריט צום פּאַראַד וועג דורך דעם פּראָיעקט געגנט.״

**סטעיט סענאַטאָר פּיעט האַרקהאַם האָט געזאָגט,** ״וויכטיגע אינפראַסטרוקטור אינוועסטירונגען ווי דער בריק ערזעצונג פּראָיעקט אויף רוט 6 אין ברוסטער זענען אינטעגראַל אויף אויסצוהאַלטן ניו יאָרק׳ס נאָך-פּאַנדעמישער עקאָנאָמישע אומקער. דאָס פאַרענדיגן דעם פּראָיעקט וועט זיין אַ טובה פאַר אָרטיגע איינוואוינער און ביזנעס אייגנטימער אין פּילצאַליגע וועגן און גלייכצייטיג אויך האַלטן אַן אויג אויף פּובליק זיכערהייט ריזיקעס פאַר די וועלכע פאָרן אויף דעם וועג.״

**סענאַטאָר מייק מאַרטוטשי האָט געזאָגט,** ״סטעיט רוט אין אַפּסטעיט ניו יאָרק זענען פון שטענדיג אַן פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן און געלאָזן צעפאַלן ווערן. אַ גרויסער טייל פון איבערפלאַך אומשטענדן ווערט געשאַצט אַלס פּאַסיג אָדער שוואַך, וועלכס באַדייט אַז מיר האָבן אַסאַך אַרבעט צו טון אויף צו ערזעצן דעם פאַרעלטערטן אינפראַסטרוקטור. יענע פּראָצעס איז דער שליסל צו דעם לאַנג-טערמיניגן עקאָנאָמישע הצלחה פון אונזערע קאַמיוניטיס און די זיכערהייט פון פּאַסאַזשירן, און עס פרייידט מיך דערפאַר די דעפּאַרטמענט פון טראַנספּאָרטאַציע׳ס אַרבעט אויף דעם פּראָיעקט אין מיין סענאַט דיסטריקט און דאַנקבאַר פאַר׳ן גאַווערנער׳ס אַנטשלאָסנקייט צו מאַכן באַדייטנדע שריטן אין וואָס אַ קריטיש-וויכטיגער נויט.״

**אַסעמבלי-מיטגליד ברייען מילער האָט געזאָגט,** ״עס פרייידט מיך צו זען די פאַרענדיגונג פון דעם רוט 6 בריק אין פוטנעם קאַונטי און דעם רוט 209 בריק אין אולסטער קאַונטי. דער ניי 15-מיליאָן דאָלערדיגע אינפראַסטרוקטור אינוועסטירונג אין דעם הודסאָן וואַלי ראַיאָן מיינט אַזוי פיל פאַר איינוואוינער. אינוועסטירונג אין אונזער אינפראַסטרוקטור איז פּאָזיטיוו פאַר עקאָנאָמישע וואוקס, פאַרבעסערט צוטריט צו סערוויסעס פאַר איינוואוינער און אַלגעמיין פאַרבעסערט די זיכערהייט פון מאָטאָריסטן ניצנדיג די בריקן. איך דאַנק ניו יאָרק סטעיט DOT פאַר זייער אַרבעט אויף דעם פּראָיעקט.״

**אולסטער קאַונטי עקזעקיוטיוו פּעטריק רייען האָט געזאָגט,** ״איך וויל דאַנקען גאַווערנער האָוקול פאַר אינוועסטירן אין דעם סטעיט רוט 209 בריק איבער׳ן פענטין קיל — וועלכס איז נייטיג פאַר רייזן און עקאָנאָמישע אַקטיוויטעט אין דעם ראַנדאַוט וואַלי און נאָך ווייטער. די סאָרטן אינפראַסטרוקטור פאַרבעסערונגען האַלטן אויס אונזערע קאַמיוניטיס נייטיגע באַהעפטונגען און גלייכצייטיג פאַרזיכערן די

זיכערהייט פון איינוואוינער און באזוכער צוגלייך, בשעת זיי געניסן פון אלצדינג וואס אולסטער קאונטי האט אנצובאטן.״

**טאון סאָוט-איסט סופערווייזער טאני העי האט געזאגט,** ״דאס ווידער-אויסגלייכן רוט 6 און דער נייער בריק האבן שטארק פארבעסערט אן צעמישטע און כאאטישע דריי-וועג שניידפונקט צענדליגע יארן אלט אויף וואס איז איצט א פיר-וועג שניידפונקט וואס ווערט קאנטראלירט דורך א טראפיק לאמפ. פונדעסטוועגן, וועט אונזער ארבעט צו פארבעסערן טראפיק פליסיגקייט אין דעם ווילעדזש ווייטער אנגיין און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט׳ן טיעם ביים דעפארטמענט פון טראנספארטאציע אויף געוויסע פון די אנגעלעגנהייטן אינ׳ם צוקונפט.״

**טאון וואווארסינג סופערווייזער טערי האוק האט געזאגט,** ״דאס ערזעצן דעם בריק איבער דעם פענטין קיל אויף רוט 209 אין עלענוויל איז אויסגעוועלט געווארן צו פארבעסערן פובליק זיכערהייט אין עלענוויל, א הויפט רייזע רוט פאר אונזערע איינוואוינער, שכנים און ראיאן. דער טאון וואווארסינג דאנקט יעדער וואס האט געהאט א חלק אין די וויכטיגסטע בריק ערזעצונג!

**מעיאר פון ברוסטער ווילעדזש דזשעימס שאוניג האט געזאגט,** ״דער ווילעדזש ברוסטער איז אין דעם פראצעס פון א הויפט אויפלעבונג אין דעם פארעם פון א טראנזיט-אריענטירטע אנטוויקלונג אין דעם הארץ פון דעם ווילעדזש, און די אריינגאנגען צו דעם ארט האבן געשטעלט א פרעצעדענט אויף וואס עס קומט אינ׳ם צוקונפט. דער רוט 6 בריק איז דער נייסטער איינטריט פונקט וועלכס נעמט אויף ווארעם מענטשן צו אונזער קאמיוניטי. דער ווילעדזש ברוסטער פריידט זיך צו האבן א מער צוזאמהאפטיגע און זיכערע שניידפונקט וואס וועט סערווירן אלס אן אריינגאנג פונקט צום ווילעדזש פאר די וועלכע פארן אויף רוט 6. דער בריק באהעפט די דערנעבנדע טאונס און אונזערע ווילעדזש איינוואוינער, אבער עס פירט זיך אויך ווי א בריק צו ברענגען מענטשן, סחורה און סערוויסעס זיכערערהייט צו די באלד-גע׳אפגרעיד׳עטע ווילעדזש ברוסטער.״

מאטאריסטן ווערן דערמוטיגט צו פארן שטייטליכער און דרייוו׳ען מיט פאראנטווארטליכקייט אין ארבעט זאונס. שטראף-אפצאל איז געדאפלט פאר ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון. צוויי אדער מער ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון קען גורם זיין דאס סוספענדירן פון דעם מענטש׳ס דרייווער לייסענס.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט [NY511.org](http://NY511.org), אדער דאונלאד׳ט דעם בחינם׳דיגן 511NY מאביל עפ.

פאלגט נאך ניו יארק סטעיט DOT אויף טוויטער: [@NYSDOT](https://twitter.com/NYSDOT) און [@NYSDOTHV](https://twitter.com/NYSDOTHV). באזוכט NYSDOT אויף פעיסבוק ביי [facebook.com/NYSDOT](https://facebook.com/NYSDOT).

###